

בעזהשי"ת

# קינדערגארטן ווינקל

ארויסגעגעבן דורך
**סאטמאר קינדערגארטן**
וויליאמסבורג

**שנה י"ח - גליון 809**
זמנים: עש"ק 4:15 – מוצש"ק 5:42

**פרשת ויצא**
עש"ק ח' כסלו שנת תשפ"ו לפ"ק



## פארציילט אין לאנטש רום

**די וואך האבן** מיר געלערנט ספעציעל די **מדה פון בטחון**, האט דער מנהל פארציילט גאר א שיינע מעשה פון **"דעם צדיק וואס דער לייב האט געהיטן"** מיר האבן זיך צוגעהערט מיט א שטארקע אינטערעסע די גאנצע מעשה, ווי דער צדיק **רבי חיים** איז געפארן אויף א וואגן און ווען ס'איז געקומען בעפאר שבת האט ער געזאגט פארן גוי'אישן דרייווער (מר. דזשימי) אז שבת טאר ער נישט פארן, מיר הערן ווי דער דרייווער מאכט חוזק ער שרייט (NO WAY) און זאגט אז מ'קען נישט בלייבן דא אין א וואלד אליין, מיר מוזן שוין ווייטער גיין. אבער ווען עס קומט שוין דער הייליגער שבת, און דער צדיק ר' חיים זעהט אז דער בעל עגלה וויל נישט סטאפן, טאנצט ער אראפ פון וואגן מיט זיינע פעקלעך. ער בלייבט אליינס אין וואלד, ער זינגט זיך אונטער... מיר אידעלעך אינאיינעם מיר האבן נישט מורא פאר קיינעם... און זאגט הויעך **איך האב נישט מורא, נאר פון דעם הייליגן בורא, איך וויל פאלגן אלעס פון די הייליגע תורה.**

> **איך האב פון קיינעם נישט מורא**
> **נאר פונעם הייליגן בורא**
> **איך דארף פאלגן אלעס פון די הייליגע תורה**

**דער באשעפער** שיקט דעם לייב אפצוהיטן דעם צדיק א גאנץ שבת, די אלע חיות פון וואלד ווען זיי זעהן נאר דעם לייב דער קעניג פון די חיות לויפן זיי שנעל אוועק ווייל אלע חיות האבן מורא פון א לייב, דער בער קומט אן און... דער טייגער קומט צו גיין און .... אזוי ביז נאך שבת געבט דער לייב זייער אכטונג אויף די צדיק ר' חיים.

**נאך שבת** בייגט זיך דער לייב אונטער אז ר' חיים זאל קענען אויף איהם ארויפגיין און אזוי פליען זיי ביז צום וואגאן. די גוים מיטן דרייווער האבן זיך זייער דערשראקן ווען זיי זעהן דעם לייב מיט ר' חיים קומען אן.. און פון יעצט האבן זיי זייער אכט געגעבן אויף ר' חיים די גאנצע צייט זעהענדיג אז זיי זיצן דא מיט אזא הייליגע גרויסער צדיק.

**א ספעציעלע צעטל** מיט די בילדער פון די מעשה האט מען אהיים געשיקט כדי די קינדער זאלן קענען איבער דערציילן די מעשה לכבוד שבת.

## התחלת לימוד פון די א"ב די אותיות התורה בשעטומ"צ

**א גוט יו"ט "א"** **בשעה טובה ומוצלחת** האבן מיר די וואך בעזהשי"ת צוגעטרעטן צום לימוד פון די הייליגע אותיות התורה.

**איידער מיר הייבן** אן צו לערנען די א"ב האבן מיר די וואך געהערט אן הקדמה, וואס איז דאס די א"ב? ווער האט דאס געגעבן פאר די אידן?, ווי שטייט די א"ב?. **מיט א גרויסן עקסטאז פון פרייליכקייט** האבן מיר זיך געקאכט א גאנצע וואך מיט די א"ב. שוין פאריגע וואך האבן מיר געהערט אז ס'גייט קומען א גרויסער גאסט, ווי דער מנהל זאגט אונז: אז מיר וועלן אויפנעמען דעם גרויסן גאסט, אזוי ווי עס פאסט, ברוך הבא - דער "א" איז שוין דא.

**דינסטאג אינדערפרי** קומען מיר שוין מיט א ווייסע העמד **לכבוד דעם יו"ט טאג** ווייל היינט טוהן מיר שוין אן **דעם א' קרוין**, דער גאנצער טאג אזא פרייליכער שטימונג, מיר איילן זיך צו מיטן פרישטאג, כדי צו זיין גרייט צום גרויסן מעמד תיכף נאך פרישטאג. יא! עס קומט שוין די פרייליכע מאמענט מיר טוהן אן די קרוינען מיר שפאנען אראפ צום גרויסן לאנטש רום, ווען מיר קומען אריין זעהן מיר, אן אנדערן לאנטש רום ווי געוועלדליך אזוי שיין באהאנגען און באצירט מיט דעם אות א'... מיר זענען אזוי פרייליך און דערהויבן..... ביי א יעדעם'ס פלאץ א באקסעלע מיט 3 גוטע זאכן א פיינע מזונות א "א" שליסעל האלטער, נאך דערצו א **"א"** דערנעבן דארט איז. אויך מיט א דרינק. יעדער אזוי גליקלין.

**א יעדע כיתה** באזונדער האט צו געשטעלט **א ריזיגע שיינע "א" סיין.** וואס אלע קינדער האבן צוזאמען אריין גע'ארבייט, (זעה בילדער) דאס האט מען אויפגעהאנגען אזוי מיט א שיינעם פראכט. אין לאנטש רום אויפן וואנט.

**מיר האבן הויעך געמאכט א ברכה,** א מזונות, און א שהכל נהי' בדברו, דערנאך האבן מיר זייער שיין געזינגען והערב.. דערנאך איז געווארן לעבעדיג. די קינדער האבן אנגעהויבן מאכן גרויסע שיינע רינגען, אזוי האט מען ארום געטאנצן מיט א דערהויבענקייט. לעבעדיג און געשמאק.

**מיר הערן זיך צו** אז ווען מ'הויבט אן צו לערנען די הייליגע אותיות די א"ב. דארף מען שוין מער אכטונג צו געבן וואס מ'נעמט אריין אין מויל מ'דארף פרעגן די עלטערן אויב ס'איז כשר מיר הערן א שיינע מעשה וואס האט פאסירט מיט א אינגל אמאל אין א שטאט וואס האט נישט גענוג אכט געגעבן אויף די עסן און ער האט פארגעסן די א"ב ווייל זיין קאפ איז געווען פארשטאפט, און ווען דער צדיק איז אנגעקומען און ער האט אים אריין געקוקט אין די אויגן האט ער שוין נאר געוואלט עסן עכט כשר'ע עסן און אזוי געקענט אנהייבן צו לערנען און נישט פארגעסן...

**אזוי זענען מיר צוריק** ארויף מיט א געהויבענעם געפיהל יא! מיר זענען די גליקליכע אויף די וועלט, מיר וועלן בשעטומ"צ אנהייבן די הייליגע אותיות התורה דאס פיין און לערנען און זייער פיין קענען אי"ה.


### ווינקל אינהאלט

- **די לאנטש רום מעשיות.**
- התחלת א"ב בשעטומ"צ.
- **ב"ה אנגעהויבן מיטן סדר אות "אלף".**
- מידה פון די וואך - בטחון.
- **די מיטוואך שפיל.**
- די גראם און באגריפן פון די וואך.
- **די א'ב' וואס מ'הענגט אויף הויעך.**
- די סדרה לעבט ביי די נוירסערי כיתות.
- **גוטע גריסן הערט זיך צוריק.**
- חנוכה אין חדר סידי.
- **מזל טוב וואונטשן.**
- אין די וועלט פון קאלירן.
- **אפוועגן די האר**
- מנדב זיין וועש פאר קינדער.
- **חכמה'לעך.**
- ברוכים הבאים נייע קינדער.
- **מזל טוב וואונטשן.**

**טעגליכע נייעס, שער הנגינה**
**718-407-7460-1/5/6**


## נייעס ליין שער הנגינה

**געווענדליך ווערט די "שער הנגינה" אפטיילונג, גע'אפדעיטעד יעדן דאנערשטאג ווי די קינדער זינגען די ניגונים וואס ווערט געלערנט מיט זיי. 718 407-7460 1/5/6 הערט און האט'ס הנאה**

## אנגעהויבן מיטן סדר פון די "א-ב"

**קינדערגארטן** די וואך האבן מיר בעזהשי"ת בשעה טובה ומוצלחת אנגעהויבן די לימוד א"ב אויפן סדר. נאך אזא דערהויבענע אנהויב מיט אזויפיל דערהויבענקייט ווי עס איז אזוי שיין ארויס געברענגט געווארן די גליקליכקייט פון א איד וואס לערנט די הייליגע תורה. אט אזוי האבן מיר צוגעטרעטן צום לימוד מיט א שטארקן ערענסטקייט.

**די מלמדים** מיט ערפארונג און געטריישאפט מיט א שטארקע ערנסטקייט זענען שוין גרייט מיט פארשידענע מהלכים אינטערסאנטע טאקטיקן ווי אזוי אריין צו שלעפן די קינדער אין דעם הייליגן לימוד **א יעדן איינעם אן אויסנאם** בעזהשי"ת. און מיר זענען אלע מתפלל אויף א יעדן קינד'ס הצלחה, עס ווערט כסדר א איבערפרישונג אין דעם לימוד וויל מיט א פרישקייט ארבייט זיך געשמאקער.

**באמת** דעם לימוד און אופן ווי אזוי צו לערנען די הייליגע אותיות התורה איז מקובל פון אונזערע עלטערן און אונזערע רבי'ס ביז ארויף מדור דור ביז משה רבינו, און אט אויף דעמצ זעלבן וועג וועלן מיר לערנען אן קיין שום שינוי. נאר מיט וואס און וויאזוי אהער צושטעלן די אותיות מיט אן אינטערסאנטקייט עס זאל זיך גוט אריין קריצן אין די קליינע מח'לער, די יונגע קינדער אויף דעם זוכט מען כסדר אן איבערפרישונג.

**די אחריות פון די איבערגעגעבענע מלמדים זענען זייער שטארק אז די קינדער פון קינדערגארטן דארפן אין דעם יארגאנג לערנען זייער גוט די אותיות וויל אין דעם יאר גייט דאס מיט א רואיגקייט וואס קינדער קענען בעסער אויפנעמען, פיל אנדערש ווי אין כיתה א' וואס זיי גייען דאס נאר איבער מיט א שנעלקייט צו באפעסטיגן. <u>ביי דעם לימוד פון די א"ב איז דא פארשידענע סארט צעטליך אין דעם א"ב ביכל אזעלכע וואס גיבט א געלעגנהייט פארן קינד כסדר איבער צו חזר'ן דאס וואס ער קען שוין.</u>**

**די עלטערן דארפן זיין באחריות אז דעם אות וואס די קינדער לערנען די וואך זאל ער זאגן און קענען זייער גוט** אוודאי נישט מיט קיין שום דרוק (פרעשור) נאר מיט א געשמאק אויסהערן א קינד אין זיין א"ב ביכל, דעם אות פון די וואך און די פריערדיגע אותיות דאס וואס ער האט שוין געלערנט אין חדר.

דער אופן און מהלך וויאזוי מיר לערנען מיט די קינדער די א"ב איז שיין אויסגעשמועסט אין א ספעציעלע בריוו וואס די קינדער האבן אהיים געטראגן.

### גראם פון די וואך – פרשת ויצא:

אפילו יעקב בלייבט נאר מיט זיין שטעקן,<br>
טוט ער זיך נישט פון קיינעם שרעקן. (סדרה)<br>
סיי ווי איך וועל גיין, בין איך קיינמאל נישט אליין,<br>
דער באשעפער טוט מיט מיר זיין. (סדרה - מעשה)<br>
א לאנגע וועג, וואס נעמט אפאר טעג. (מעשה)<br>
ווען מ'פארט מיט א וואגאן, קען מען זיך אביסל יאגן. (מעשה)<br>
דער צדיק ר' חיים זאגט ער קען שבת נישט מיט גיין,<br>
ער וועט בלייבן אין וואלד אליין, (מעשה)

## מידה פון די וואך - בטחון

**די וואך** האבן מיר אסאך ארומגערעדט און אויסגעלערנט פאר די קינדער איבער די מידה פון בטחון. ספעציעל די וואך לערנען מיר זיך דאס פון יעקב אבינו ווי ער זאגט שטענדיג אז **"איך האב פון קיינעם נישט קיין מורא נאר פונעם הייליגן באשעפער אליין"...**

**אזוי** ווי יעקב אבינו האט געזאגט: **אז דער באשעפער היט מיך אייביג אפ, איבעראל ווי איך גיי איז דער הייליגער באשעפער מיט מיר.** דער באשעפער פארלאזט נישט קיינעם, נאר ער העלפט אלעמאל א יעדן אידיש קינד.

## דער מיטוואך שפיל! - די לעבעדיגע חתונה

**די וואך** איז געקומען די רייע פאר די כיתה פון **הרב חיים לייפער שליט"א** ווי די קינדער האבן אזוי שיין אהערגעשטעלט דעם שפיל פון די סדרה ווי אויך די לעבעדיגע חתונה הערליך און שיין.

**מיר זעהן** ווי יעקב אבינו **(נחום מאשקאוויטש)** גייט אויפן וועג מיט זיין שטעקן און זיין גאנצע רענצל מיט אלע זיינע זאכן, קודם גייט יעקב לערנען אין א שול מיר זעהן א שול מיט טאטעס **(מרדכי הערש אינדיג, אלעזר יודא פריעדמאן, יוסף ראזענבערג)** זיי לערנען דארט מיט יעקב אין ביהמ"ד פלייסיג די הייליגע תורה, ער זאגט אזוי שיין די גמרא, **תנו רבנן**... נאכדעם מיר זעהן ווי יעקב אבינו גייט אויפן וועג צו לבן'ס הויז און ער נעמט מיט זיין גאנצן רענצל, אינמיטן וועג קומט צו לויפן "אליפז" **(חיים יצחק מנחם לעבאוויטש)** ער כאפט צו אלעס פון יעקב אבינו, זיין גאנצע געלט, ער בלייבט איבער נאר מיט זיין שטעקן, אבער יעקב זאגט: **איך האב נישט קיין מורא נאר פונעם הייליגן בורא, דעם הייליגן באשעפער קען מען פון מיר נישט אוועק נעמען...**

**נאכדעם** זעהן מיר ווי יעקב אבינו דערמאנט זיך אז ער האט נישט געדאווענט אויף די הייליגע פלאץ. ס'ווערט טינקל ביינאכט און יעקב אבינו לייגט זיך שלאפן ווי א ערליכער איד ער ליינט שיין קריאת שמע, ער גרייט צו נעגל וואסער פארן גיין שלאפן. מיר זעהן ווי ער האט גענומען צוועלף שטיינער און לייגט דאס ארום זיין קאפ. מיר הערן ווי די שטיינער קריגן זיך: אז אויף מיר זאל דער צדיק לייגן זיין קאפ! מיר זעהן די חלום וואס יעקב אבינו האט געחלומ'ט, א לייטער פון די ערד ביז די הימל און 3 מלאכים גייען ארויף און אראפ **(ארי' בערגער, יעקב גאטליעב, ליפא זידא סופר) אלע קינדער שרייען:** ארויף און אראפ.

**נאכדעם** זעהן מיר ווי יעקב גייט ווייטער צום ברינען און דארט איז דא די 3 פאסטוכער **(אלי' וואלדמאן, משה שטיינמעטץ, יוסף ווידער)** שטייען דארט ביים ברונעם מיטן גרויסן שטיין, און זיי קענען נישט געבן צו טרינקען פאר די שעפעלעך וויל עס איז דא גרויסע שטיין אויפן ברונעם. יעקב קומט אן צום ברונעם, יעקב אבינו פרעגט די פאסטוכער, אויב זיי קענען לבן און זיי זאגן **יא! דער פאפער לבן?** און פארוואס זיי געבן נישט צו טרינקען פאר די שעפעלעך? מיר הערן ווי זיי ענטפערן וויל זיי קענען נישט אליינס אראפ נעמען דעם גרויסן שטיין ס'איז זייער שווער.

**דערנאך זעהן מיר** ווי רחל **(אלעזר גאלדבערגער)** קומט אן, מיט אירע שעפעלעך **(שמעון מאיר הערש ווייסמאנדל, אברהם כהנא)** יעקב אבינו גייט צו צום ברינעם! און מיט די קליינע פינגער נעמט ער אראפ דעם גרויסן שטיין. מיר זעהן ווי רחל האט געגעבן פאר די שעפעלעך וואסער צו טרינקען פון די ברינעם....

**מיר זעהן** ווי לבן **(אברהם יצחק הורוויץ)** לויפט צו יעקב ער געבט איהם שלום עליכם און טאפט איהם אויס אלע טאשן אויך זיין מויל וויל ער דארף געלט מיט שיינע זאכן. יעקב פארציילט אים אז אליפז האט אלעס צוגענומען.

**מיר הערן** ווי יעקב זאגט פאר לבן אז רחל זאל זיין די כלה אבער **דער פאפער לבן** מאכט לאה זאל זיין די כלה, מיר זעהן ווי רחל קומט זאגן פאר לאה **(איתמר טובי' ווידער)** אז איך לאז דיר זיין די כלה, אויפאמאל זעהן מיר מען גרייט צו די גרויסע חתונה ספעציעלע

### קינדערגארטן

**מיר ווערן בארייכט מיט שפראך, ווען מיר לערנען זיך אויס יעדע וואך נאך נייע ווערטער מיטן ריכטיגן זאץ. די אלע ווערטער, באגריפן, געפילן האבן מיר די וואך דערעהערט זייער שיין.**

#### ווערטער און באגריפן: באגריפן געפיהלן

נאך ידיעות וואס איז וויכטיג פאר א קינד און ווערט ארויס געברענגט ביי די סדרה פארציילונגען.

- ארויף און אראפ = אויבן - אונטן (סדרה)
- ווי פארט מען מיט א וואגאן?
- ווי פארט מען מיט א שיף?
- מיט וואס פארט מען העכער די וואלקענעס?. (מעשה)

**א יעדעס קינד דארף און וועט אי"ה מצליח זיין צו שטייגן העכער בעז"ה**

שפילער'ס מיט מוזיקאנטן און טאנצער'ס (**הלל יושע אייכלער, יעקב אלי' בערקאוויטש, וואלווי מייער, יואל מאלה, יעקב ארי' סעגעדין, קלמן אליעזר עקשטיין, יעקב אהרן קליין, מרדכי שלאגער**) זיי קומען מיט זייערע פייפער'ס און טראמפייטער פיענא און פידלעך... אויך די זינגערס מיט א מייק, א גאנצע ריזיגע מוזיק בענד. אלע מענטשן די טאנצערס מיט געסט קומען שוין אן מען טאנצט עוד ישמע לעבעדיגע לידער.

**לבן זאגט פאר אלע מענטשן** מיר וועלן זינגען עפעס א נייע שיינע ניגון .. די חתן יעקב מיט די כלה לאה און לבן קומען צו די חתונה עס ווערט זייער לעבעדיג, מ'שטעלט אויף א גאנצע חופה, דערנאך אלע קינדער טאנצן און שפרינגען. דער גאנצער לאנטש רום הייבט אן טאנצען לעבעדיג ס'איז געווארן א עכטע לעבעדיגע חתונה, מען זינגט, מען טאנצט געוואלדיג, מ'ברענגט אריין דעם חתן יעקב אויף א בענקל אין די הויעך... אלע מענטשן פון חרן טאנצן מיט פרייליכקייט די רבי'ס מיט די קינדער די שמחה איז זייער גרויס, פלוצלינג קומט לבן און מאכט טונקל מען האט אויסגעלאשן די לייט'ס אלע קינדער זינגען האליי האליי הא לא הא לא...... ממש ווי דארט ביי לבן איז דאס געווען.

**אזוי האבן מיר** מיטגעהאלטן זייער שיין די לעבעדיגע טענץ מיר האבן זייער הנאה געהאט פון דעם שיינעם שפיל.

## ידיעות און געדאנקען

**רעדנ'דיג צו די קינדער** ווערט אסאך מאל ארום גערעדט פון אזאך וואס די קינדער ווערן געוואויר אין די זעלבע צייט און זיי כאפן אויף פארשידענע ידיעות און געדאנקען. רייכקייט צו זייער שפראך.





**ווילן מיר** מיטטיילן מיט די עלטערן אז די וואך האט מען גערעדט א געדאנק וואס מיר שמועסן אויס מיט די קינדער אין לאנטש רום ביי די מעשה פון די וואך. **עטליכע חילוקים** ווי אזוי מ'פלעגט פארן אין די אמאליגע צייטן און דער סדר פון די היינטיגע צייטן. ווי אזוי מ'איז געפארן און די אלטע צייטן אין די גאר פריערדיגע יארן, למשל, אויף **די טריקעניש, אמאל, מיט א פערד און וואגאן, אדער מיט א באן,** אין היינט, **מיט קאר'ס און באסעס, איבער א וואסער - מיט א שיף אדער מיט א עראפלעין,**

**מיר האבן אויך מסביר געווען פאר די קינדער** ווי אזוי הייסן די דרייווער'ס פון די אלע זאכן, יעדע זאך ווי אזוי דער דרייווער הייסט, ביים פערד און וואגאן **"א בעל עגלה"** און ביי די באן **"קאנדאקטאר."** און פונעם שיף א **"שיף קאפיטאן"** ביים עראפלעין **"א פילאט",**



**אזוי העלפט דאס צו** ארום די זאכן וואס זיי לערנען כדי זיי צו מאכן טראכטן חילוקים, און זיי רייך מאכן ביים רעדן מיטן שפראך. אזוי אויך גייען מיר מיט א טריט ווייטער אויסצושמועסן באגריפן וואס זיי פארשטייען (זעהט באזונדערע קעסטל אין ווינקל פון די וואך). ווי פארשטענדליך נישט אלע קינדער כאפן אויף זאכן וואס מ'הערט אין לאנטש רום ברבים אבער צוביסלעך לערנען זיך ב"ה די קינדער אויס זייער אסאך.

## עס לעבט די "סדרה מיטוואך שפיל!" ביי די נוירסערי קלאסן

**די גאר יונגערע נוירסערי** נעמען זיך צוזאם אין איין כיתה און שפילן אויף די סדרה אזוי עכט, מיט אזא זיסקייט זיצן אלע קינדער'לעך און באטראכטן יעדע זאך מיט נייגער עס איז צום באוואונדערן ווי די קינדער קוקן זיך צו מיט אזא אינטערעסע. איין רבי זאגט וואס גייט מען יעצט זעהן און אזוי ווייזט מען דאס פאר אלע צוקוקער. מ'טיילט צו פאר עטליכע קינדער צו קומען און פארשטעלן.

**עס איז אויפגעשפילט געווארן** פארשידענע אינטערסאנטע חלקים פון די סדרה, צו די הנאה פון די קינדער'לעך.

**דער חלום** מיטן לייטער, יעקב ביי די ברינעם, די חתונה ביי לבן, די קינדער די מוזיקאנטן, נאכדעם האט מען זיך אויפגעשטעלט טאנצן מיט די רבי'ס לכבוד די חתונה וואס יעדע מינוט ווערן די טענץ שטערקער מער און מער.. א חתונה צום געדענקען... (זעהט'ס ביי די בילדער)

## די א' ב' אויפן וואנט רעדט צו אונז

**ווען מיר טוען לערנען די א'ב'** אין חדר ווערן די ווענט זייער שיין באהאנגען מיט דעם אות גרויסע און קליינע אזוי באגריסן מיר זיך כסדר מיט די אותיות **"א גוט מארגן"** ווען מיר קומען אן, און **"א גוטן טאג"** ווען מיר גייען אהיים. ווילן מיר אויך אז אינדערהיים זאלן מיר קענען מיטהאלטן און **כסדר חזר'ן די א'ב',** דעריבער וועלן מיר אהיים ברענגען יעדע וואך די אותיות וואס מיר לערנען יענע וואך אויף א קלענערע פארמאט עס זאל האבן פלאץ ביי אונז אינדערהיים (אפילו אין קליינע דירות) כדי דאס צו קענען שיין פלאצירן אין מיין שטוב אויפן וואנט, אזוי וועלן מיר שטענדיג איבערגיין די א'ב' פאר איך גיי שלאפן אדער ביים אויפשטיין **דאס וועט שיין באצירן מיין שלאף שטוב. ווען מ'האט אויפגעהאנגען דעם גרויסן "א" סיין וואס מיר האבן געמאכט אין חדר זענען מיר זייער פרייליך דאס צו זעהן אין די גרויסע האללס און מיר באזינגען דעם "א" ... אונזער א' אונזער א' ....**

## א מעשה איבער די א'ב'.

**לכבוד דעם מעמד פון די התחלת א"ב** ווען מיר זענען אונטערן רושם פון די פרייליכקייט אז מיר האבן אנגעהויבן צו לערנען ב"ה די הייליגע אותיות די א'ב', האבן מיר מיטגעהאלטן ביי **פרישטאג, א** הייליגע מעשה וועגן די א"ב, וואס איז געווען ביים **הייליגן בעל שם טוב הקדוש זי"ע,** וואס איז אזוי שיין פארציילט געווארן דורכ'ן חשוב'ן מלמד **הרב יואל טויב שליט"א** ווי מיר האבן זיך אזוי שיין צוגעהערט מיט אזוי פיל אינטערסאנטקייטן.

**מיר הערן** ווי דער הייליגער בעש"ט גייט אין וועג מיט זיין זון אויך א הייליגע צדיק ר"ר הערש זי"ע מיט זיין טאכטער א גרויסע צדיקת אדל. האט זי געהייסן, זיי פארן קודם מיט א **פערד און וואגן אין וואלד,** דערנאך מיט **א שיף אין א וואסער** צו א ווייטע לאנד א נייע פלאץ ער האט נישט געזעהן דארט קיין אידן, זיי זענען אנגעקומען צו א **"אינזל"** ווען פלוצלינג קומען דארט אן אפאר שלעכטע רויבערס זיי האבן געבינדן צו א בוים די הענט און פוס פון אלע דריי דעם הייליגן בעש"ט מיטן זון און די טאכטער זיי נעמען אלעס צו.

**זיי בעטן און רופן** צום הייליגן בעש"ט לאמיר בעטן און דאווענען, אבער דער הייליגער בעש"ט פרעגט פון זיין זון, געדענקסט עפעס צו דאווענען? ר' הערש זאגט: **ניין! איך געדענק גארנישט!** נישט קיין גמרא, נישט קיין משניות, נישט קיין חומש, און נישט קיין דאווענען, אפילו נישט די א"ב זיי ליגן דארט געבינדען די הענט און פיס, פליצלונג רופט זיך אן ר' הערש יא רבי! עפעס געדענק איך, די הייליגע א"ב, ער הייבט אן זאגן, **א בּ ב ג ד ה** אזוי צוזאמען מיטן הייליגן בעש"ט, זייער אינטערסאנט ווי נאר זיי הייבן אן זאגן די א"ב האבן זיך אויפגעבינדן די שטריק, וואס זיי זענען געווען צוגעבינדן און אזוי זענען זיי גערעטעוועט געווארן.

**מיר האבן** זייער גוט געהערט ווי שטארק וויכטיג איז די א"ב **מיר האבן זיך זייער געפריידט אז מיר לערנען שוין די הייליגע א"ב.**

**ברוכים הבאים**

מיר ווילן באגריסן די נייע קינדער וואס האבן די וואך אנגעהויבן חדר בשעטומ"צ

**מרדכי יאקאבאוויטש, ישעי' קארנבלי, הלל הערשקאוויטש**

# דער געהויבענעם מעמד פון התחלת לימוד האל״ף בי״ת - די קינדער שיינען פאר שמחה ב״ה #1









## די שיינע ״א״ סיינס וואס די קינדער האבן צוגעשטעלט א יעדע כיתה באזונדער








## דער געהויבענעם מעמד פון התחלת לימוד האל"ף בי"ת - די קינדער שיינען פאר שמחה ב"ה #2











## די געהויבענע טענץ








# די מיטוואך שפיל אויפגעשפילט ביי אונז אין חדר # 1




קודם זיצט יעקב אין די ישיבה פון שם ועבר און לערענט פלייסיג



יעקב אבינו גייט אין וועג צו חרן



אליפז לויפט נאך




אליפז כאפט אלעס אוועק



פליצלינג ווערט נאכט



לייגט ארום די שטיינער



גרייט אן נעגל וואסער



די שטיינער קריגן זיך



די מלאכים גייען ארויף און אראפ



גיסט אפ נעגל וואסער



מאכט א מזבח און לייגט אויל



די 3 פאסטוכער



יעקב פרעגט קענט עטץ לבן ??



יא דער פאפער לבן

# די מיטוואך שפיל אויפגעשפילט ביי אונז אין חדר # 3





אלע קינדער טאנצן מיט ביי די חתונה





די ישיבה פון יעקב מ'לערנט פלייסיג



די שמחה איז זייער גרויס ביים פארענדיגן דעם א סיין



מ'לייגט זיך אין א חדא ווי יעקב אבינו



אונזער שיינע זאך




א יעדער פודבידט און מ'קען



אביסעלע גלאו אביסעלע זאמד





מיר מאכן א שיינע לייטער

# די מיטוואך שפיל אויפגעשפילט ביי די נוירסערי קלאסן ביי אונז אין חדר



יעקב גייט אדויס



יעקב מיטן חלום פון די לייטער



די פאסטוכער מיט די שעפעלער



רחל קומט אן מיט די שעפעלער



יעקב נעמט אראפ דעם שטיין











די לעבעדיגע חתונה







מ'טאנצט לעבעדיג











אלעס טאנצט אלעס זינגט

א לעבעדיגע חתונה עס איז געווען געוואלדיג

מיר האבן אהער דעשטעלט א ריזיגע לייטער

## ווִיכטיגע מעסעדזש !

**אזוי ווי** די טעג דרייען זיך ארום אין די הייזער **פארשידענע שוואכקייטן ל"ע**, צו א **פארקילונג אדער סטרעפט, פלאו**, וכדו' ווי קינדער זענען אנגעשטעקט דערמיט, ווילן מיר דערמאנען עס איז זייער נישט ריכטיג צו שיקן א קינד אין חדר ווען ער פילט נישט אזוי גוט אפילו עס זעהט אויס נישט אזוי געפערליך, דאס קינד ברענגט עס אריין אין חדר און עס גייט ארום ליידער פון איינעם צום צווייטן דאס איז זייער א גרויסער אחריות, אויסער דעם פאר די קינדער אליין איז נישט גוט צו זיין אין חדר זיי זענען נישט ווי געהעריג, ליידן נאך אנדערע אויך עטליכע טעג שפעטער, **א קינד וואס פילט נישט גוט באלאנגט אינדערהיים נישט אין חדר**. מיר האפן און קוקן ארויס אויף א פולשטענדיגע קאאפעראציע פון אלע עלטערן.

**אז א קינד באקומט פיבער** אדער א "האלדז וויי", זאל מען קודם באזוכן א דאקטער צו זעהן אויב עס איז א סטרעפט וכדו'. און אויב דאס קינד דארף נעמען מעדעצין **זאל ער קומען אין חדר ערשט 24 שעה נאכן נעמען די מעדעצין די ערשטע מאל דאס איז זייער א גרויסע אחריות.**

**עס איז זייער וויכטיג** עלטערן זאלן נעמען אין באטראכט אויב איז אייער קינד אריבער א געוויסע דורכגאנג ווי פיבער אדער עפעס אנדערש וואס אנדערע קינדער קענען ווערן אנגעשטעקט און ער איז געקומען אין חדר **ביטע מעלדן דעם מלמד**, ווייל אין אזא פאל טוהן מיר אויסוואשן די גאנצע כיתה און אלע טויס מיט בליטש **אויסצוראטן דעם קרענק און באקטעריע פון דעם קלאס רום** כדי צו פארמיידן אז נאך קינדער זאלן אנגעשטעקט ווערן דערמיט ח"ו, און עס זאל מקוים ווערן **כל המחלה לא אשים עליך כי אני ד' רופאיך..**

## חכמה'לעך

ווען מען האט געפרעגט **חיים** ביים פארהערן די שאלות וואס איז טייטש תולדות? האט ער געענטפערט: אין מירון!!...

**שלומי**'ס טאטע האט איהם געגעבן א שטיקל עפל קוגל ווייל ער האט שיין געגעסן די טשולנט, האט שלומי געזאגט "טאטי! האסט געטוהן א חסד"!...

**חיים** פרעגט ווי אזוי א "יעקב" קען עסן אן עפל, מ'קען עס נישט עסן מיט א לעפל נאר מיט די הענט...

**לייבי**'ס טאטע איז געפארן קיין מירון אויף שבת דורכאויס גאנץ שבת האט ער מיטגעלעבט מירון און געזינגען שבת טאטעס אין מירון, שבת תולדות אין מירון, אויך האט ער געזאגט אז ער גייט באקומען פיאות אין מירון..

**יענקי** האט שיין געזינגען שבת תולדות אין מירון.. אויך האט ער געפרעגט זיין מאמע ווי איר "נאזבאנד" איז

**מאיר** האט אהיים געברענגט א צוגעמאכטע אפשערן פעקל, מען האט איהם געפרעגט "זאל איך עפענען דיין סנעק?" זאגט ער: ניין! ס'איז א פעקל!..

ווען **נפתלי** האט געזעהן די ביכל פון דמא בן נתינה און פארציילט די מעשה האט ער צוגעדעקט די בילד.. ווייל ער איז א גוי און מען מעג נישט קוקן אויף א גוי..

**שלמה זלמן** האט במשך דעם שבת אפאר מאל געפרעגט ווי זענען די מלאכים וואס באגלייטן איהם ער וויל זיי שטארק זעהן, האט מען איהם געזאגט אז זיי זענען זייער הייליג מ'קען זיי נישט זעהן, האט ער געזאגט אז ער איז אויך הייליג...

**מרדכי יודא** האט געזאגט אז די וואך גייט די סדרה פרשת תולדות מירון...

**מענדי** איז פארקיהלט ער האט א "קאלד" און זיין נאז רינט... ווען ער האט זיך אפגעגאסן האט ער געזאגט אז זיין הענט האט א קאלד ווייל ס'רינט...

**שמעון** האט זייער שיין געזינגען די ניגונים פון די וואך וואס מען האט אויסגעלערנט אין חדר, און געזאגט אז ס'איז דא נאך א ניגון פון די וואך: "שבת תולדות אין מירון"...

ווען **מרדכי מנחם**'ס מאמע האט איהם געוואלט געבן מעדעצין האט ער צוגעמאכט זיין מויל און געזאגט אז ער האט א מויל שלאס ער קען דאס נישט נעמען... אויך ווען מ'האט געשמועסט פון יעקב און עשו האט מען איהם געפרעגט ווער איז די וואוילע? האט ער געזאגט איך...

## מנדב זיין וועש פאר קינדער

מיר קומען מיט א בקשה צו די חשוב'ע עלטערן שיחיו, אזוי ווי עס קומט אמאל פאר אז מען דארף איבערטוישן א קינד און נישט אלעמאל האבן די עלטערן פונעם קינד גרייט נייע וועש.

דעריבער ווילן מיר בעטן אז ווער עס קען מנדב זיין און שיקן וועש פאר קינדער פון 2½ - 5 יאר – <u>אונטער וועש, און בעיקר יעצט "הויזן"</u>, העמעדער, זאקן, לשם מצוה. וועט דאס צונוץ קומען פאר די באטרעפנדע.

ביטע שיקן נאר זאכן וואס מען קען נוצן.

א יישר כח אייך דאנקן

## די וועלט פון קאלירן

| לך לך | וירא | חיי שרה | תולדות | ויצא |
| --- | --- | --- | --- | --- |
| ארא‍נדזש | גרין | בלוי | רויט | געיל |

סדר פון די קאלירן וואס מיר האבן שוין געלערנט מיט די נוירסערי און פרי קינדערגארטן כיתות

## מודעה ובקשה!!

חשוב'ע עלטערן שיחיו ביטע זיכער מאכן איידער איר שיקט אייער קינד אין חדר אז ער איז גענצליך ריין פון "לייז" און "ניץ" מען זאל גוט אויסקעמען די האר פון "ניץ"

<u>עלטערן פלאגן זיך שטארק צו האלטן זייער קינדער ריין</u> דערפון עס איז נישט רעכט אז וועגן איין קינד זאלן אנדערע ליידן. מיר האפן אויף אייער פולע קאאפעראציע.

## בשורה טובה ומשמחת

**מיט פרייד טוהן מיר מעלדן** פאר די חשוב׳ע עלטערן אז עס איז נאכאמאל דא צו באקומען **ביי אונז אין חדר** און אויך ביי די לאקאלן פון קרן שמואל ישעי׳ **די הערליכע חנוכה סי-די ״חנוכה אין חדר״** וואס מיר האבן ארויסגעגעבן אין די פארגאנגענע יארן, **עס איז צוגעשטעלט געווארן** מיט אסאך אינטערעסאנטקייטן, א רייכע פארציילונג שיין באגלייט מיט Sound Effects.




**עס איז שטארק אינטערעסאנט** פאר די קינדער דאס צו הערן, זיך צו באקענען מיט אלע ענינים פון דעם יום טוב חנוכה לויט זייער פארשטאנד. דאס העלפט אסאך ארויס די קינדער מיט די מעשה פון חנוכה, די קינדער לעבן שטארק מיט דערמיט און האבן הנאה דערפון. דאס האלט די קינדער שטארק געשפאנט. עס איז הערליך שיין אויפגעשפילט און אראפגעלייגט

- ❖ נס חנוכה
- ❖ אנטיוכוס
- ❖ מעשה פון יהודית

**אויך איז דאס דא צו באקומען אין א USB פארמאט ביי די קרן שמואל ישעי׳ לאקעישנ׳ס.**

**אדרבה!** אז איר קויפט דאס פאר אייער קינד, וועט ער לעבן מיטן יו״ט חנוכה, ער וועט אייך דאנקבאר זיין דערפאר בעז״ה.

**א פרייליכן חנוכה.**

דאס איז די זעלבע סידי פון פאריאר עס איז מעגליך אז איר האט דאס שוין.

**עס קאסט** $5.00 **אויב ווילט איר דאס קויפן שיקט דאס געלט אין אן ענוועלאופ ארויף געשריבן די נאמען פונעם קינד אז דאס איז פאר א סידי.**

**נ.ב. אויב האט איר באקומען א סידי וואס ארבייט נישט ביטע שיקט דאס צוריק מיר וועלן אהיים שיקן א נייע. מיט אנטשולדיגונג.**

*ישעי׳ יצחק הכהן רובין, מנהל סאטמאר קינדערגארטן*

## אפוועגן די האר

**ווי עס איז באקאנט דער גרויסע ענין אפצושערן די האר פון א חאלאקע אינגל און מען גיבט די געלט פאר צדקה.** (כמובא בספר מטעמים ערך שערות, וכבר נזכר בשו״ת הרדב״ז ח״ב סי׳ תר״ח, ועוד) **פאר סיי וואס פאר א פראגע איבער די הייליגע סגולה פון אפוועגן די האר פון א חאלאקע אינגל אדער צו באשטעלן די אפוינטמענט**

**ביטע רופט : הרב משה קאהן שליט״א 929.287.2354**

**ובזכות הצדקה וועט דער הייליגער באשעפער זיכער העלפן איר זאלט זוכה זיין צו זעהן רב תענוג ונחת דקדושה פון דעם קינד און אלע אייערע קינדער בבריות גופא ומזוני רויחי בשפע רב ובהרחבה גדולה ביז מיר וועלן אלע זוכה זיין בקרוב זיך צו פרייען אינאיינעם בבנין בית הבחירה בביגוא״צ בב״א.**

## אויפמערקזאמקייט – להסיר מכשול

**עס איז אן איינגעפירטע זאך אין חדר אז יעדעס מאל ווען די קינדער עסן פליישיג׳ס פאר מיטאג שיקט מען א מעלדונג פאר די עלטערן סיי א טאג בעפאר און סיי אין דעם טאג וואס די קינדער האבן געגעסן פליישיג,**

**כדי די עלטערן זאלן וויסן און קענען זיין אפגעהיטן מיט די הלכה.**

**עס מאכט זיך אבער אז קינדער לאזן איבער די צעטליך אדער אין חדר אדער אויפן באס. דאס הערט מען געווענדליך ביי די טעלעפאן נייעס פון יענעם טאג.**

**עס איז כדאי צו וויסן, אז די קינדער האבן פליישיג׳ס א יעדן דריטן דינסטאג.**

## התורה חסה על ממונן של ישראל

אסאך קינדער האבן די זעלבע מיני מאנטלען אדער דזשעקעט׳ס די קינדער ווייסן נישט קיין חילוק, און ביים אנטוהן מאכט זיך פיל מאל אז זיי נעמען יענעמ׳ס און עס ווערט א שטארקע פראבלעם, די מלבושים מישן זיך אויס, עס ווערט פארטוישט... (אוודאי דארף מען האבן א פין דאן זעהט מען גלייך וועמענ׳ס דאס איז) אבער מיט דעם אלעם **איז זייער וויכטיג ארויף צו נייען א לעיבל מיטן נאמען און טעלעפאן נאמבער.**

**ווען א קינד האט א מאנטל אדער דזשעקעט פון א קאזין זאל מען זעהן צו טוישן דעם לעיבל.**

נ.ב. אין פאל ווען א קינד ברענגט אהיים א צווייטענ׳ס דזשעקעט זאל מען תיכף רופן און אפיס און דאס צוריק שיקן דעם אנדערן טאג כדי דאס צו קענען אפגעבן...

# מזל טוב ווינקל

ברכת מזל טוב פאר הילד
יחזקאל ב"ר יואל בר"ב שימאנאוויטש נ"ו
לכבוד זיין מופן צו די נייע הויז
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
הרב יצחק קארפען שליט"א

ברכת מזל טוב פאר הילד
מרדכי ב"ר פינחס יואל שיפף נ"ו
לכבוד זיין פעטער איז א חתן
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
הרב אהרן דוד רובינשטיין שליט"א

ברכת מזל טוב פאר הילד
שמחה ב"ר יואל הילל מארקאוויטש נ"ו
לכבוד זיין פעטער איז א חתן
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
הרב יצחק אייזיק ווערצבערגער שליט"א

ברכת מזל טוב פאר הילד
אברהם ב"ר שמעון ישראל כהנא נ"ו
לכבוד די געבורט פון זיין שוועסטער
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
הרב חיים לייפער שליט"א

ברכת מזל טוב פאר הילד
יוסף בן הרב חיים זאנוויל געלדצעהלער נ"ו
לכבוד די געבורט פון זיין ברודער
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
הרב שלמה ניסן שליט"א

ברכת מזל טוב פאר הילד
ליפא ב"ר מענדל קויפמאן נ"ו
לכבוד זיין פעטער איז א חתן
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
הרב יצחק אייזיק ווערצבערגער שליט"א

ברכת מזל טוב פאר הילד
הערשי ב"ר דוד לייב בערגער נ"ו
לכבוד זיין אפשערן
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
הרב יעקב מאיר סרוגא שליט"א
הרב ירמי' מאיר פאגעל שליט"א

ברכת מזל טוב פאר הילד
שלמה זלמן בן הרב שאול יחזקאל ווערצבערגער נ"ו
לכבוד זיין אפשערן
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
הרב יעקב מאיר סרוגא שליט"א
הרב ירמי' מאיר פאגעל שליט"א

ברכת מזל טוב פאר הילד
יוסף לייב בן הרב דוד יושע כ"ץ נ"ו
לכבוד זיין ברודער'ס חתונה
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
הרב יעקב מאיר סרוגא שליט"א
הרב ירמי' מאיר פאגעל שליט"א

ברכת מזל טוב פאר הילד
חיים ב"ר קלמן אליעזר פריעדלענדער נ"ו
לכבוד זיין אפשערן
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
הרב יואל הכהן כ"ץ שליט"א
הרב ברוך הורוויץ שליט"א

ברכת מזל טוב פאר הילד
אשר יונה בן הרב יחיאל שטעסל נ"ו
לכבוד זיין אפשערן
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
הרב יואל שלמה פארקאש שליט"א
הרב דוד יואל הערשקאוויטש שליט"א

ברכת מזל טוב פאר הילד
מרדכי ב"ר יואל ברש"י יאקאבאוויטש נ"ו
לכבוד די געבורט פון זיין שוועסטער
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
הרב יואל שלמה פארקאש שליט"א
הרב דוד יואל הערשקאוויטש שליט"א

ברכת מזל טוב פאר הילד
יודל ב"ר ישראל עקשטיין נ"ו
לכבוד זיין אפשערן
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
הרב יואל שלמה פארקאש שליט"א
הרב דוד יואל הערשקאוויטש שליט"א

ברכת מזל טוב פאר הילד
חנני' יו"ט ליפא ב"ר יהוסף שטיינבערג נ"ו
לכבוד זיין פעטער איז א חתן
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
הרב יואל שלמה פארקאש שליט"א
הרב דוד יואל הערשקאוויטש שליט"א

ברכת מזל טוב פאר הילד
נתן צבי (הערשי) ב"ר חיים יודא (לייבי) ווייס נ"ו
לכבוד זיין אפשערן
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
הרב יואל לעבאוויטש שליט"א
הרב יצחק אייזיק יאקאבאוויטש שליט"א

ברכת מזל טוב פאר הילד
ליפא ב"ר יעקב פריעדמאן נ"ו
לכבוד זיין אפשערן
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
הרב יואל לעבאוויטש שליט"א
הרב יצחק אייזיק יאקאבאוויטש שליט"א

ברכת מזל טוב פאר הילד
שלום עמרם ב"ר משה אליעזר ראזענפעלד נ"ו
לכבוד זיין אפשערן
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
הרב יואל לעבאוויטש שליט"א
הרב יצחק אייזיק יאקאבאוויטש שליט"א

ברכת מזל טוב פאר הילד
יעקב ב"ר נפתלי חיים שיפף נ"ו
לכבוד זיין אפשערן
ווי עס וואונטשן די חברים וואס לערנען ביי
הרב יואל לעבאוויטש שליט"א
הרב יצחק אייזיק יאקאבאוויטש שליט"א


## הערליך שיין - פראקטיש - ביליג




**שמחות ביי אידן ב"ה. עס איז אונז געלונגען אהער צו שטעלן שיינע "מזל טוב" פעקלעך פאר גאר ביליג. דאס טוט באשיינען די אידישע שמחות ב"ה, פילע עלטערן בעלי שמחות זענען שטארק דאנקבאר ווי שיין און ביליג די פעקלעך זענען געווען,**
**מיט די העכסט צופרידענהייט.**
**באזונדערע שיינע דיזיינס לויט די שמחה,**
**קרי"ש ליינען – וואכנאכט, א הערליכע פרינט בעג.**
**אפשערן און חדר פירן א הערליכע פרינט בעג, אזוי אויך ביי סיי וואס פאר א שמחה אז איר ווילט פעקלעך ווי למשל הכנסת ספר תורה, אדער חברת תהלים, סיי ווען איר דארפט א "שיינע מזל טוב פעקעלע" זענען מיר גרייט אייך דאס צו צושטעלן בעזהשי"ת.**




**פאר באשטעלונגען רופט דעם חדר נומ. 2217 # 718-407-7460**


**צו מעלדן אייער שמחה שיקט מיט אייער קינד א צעטל צום מלמד – צו באשטעלן פעקלעך רופט אין אפיס: 718-407-7460 Ext 1 – 6**